## װערט געֿסקרינ׳ט: אנטדעקט און פארמיידט קאלאן (קישקע) קענסער

### קאלאן קענסער סקרינינג פאקט בלאט

### טעסט סארט: הויכע סענסיטיװיטעט גויעאיק פיקעל אקאלט בלוט טעסט (HSGFOBT)

יעדער קען באקומען קאלאן קענסער. עס קען אפעקטירן מענטשן פון אלע ראסעס און עטנישע גרופעס. רוטינע סקרינינג קען העלפן אייער העלט קעיר פראוויידער טרעפן קענסערס פריער, װען עס איז גרינגער צו באהאנדלען. סקרינינג קען אויך פארמיידן קענסער, דורך טרעפן און ארויסנעמען פאליפס אדער אבנארמאלע געוויקסן פונעם קישקע.

עס זענען פאראן פארשידענע טעסט אפציעס פאר סקרינינג. רעדט מיט אייער פראוויידער איבערצוקלייבן דעם טעסט וואס איז דאס בעסטע פאר אייך.

**ווער?** ערוואקסענע מענטשן וואס זענען אין דורכשניטליכע ריזיקע פאר קאלאן קענסער קענען נוצן א HSgFOBT. רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן אייער ריזיקע און אין וועלכן עלטער אנצוהייבן סקרינ׳ען. אויב איר זענט אין א העכערע ריזיקע פון קאלאן קענסער, קענט איר דארפן סקרינען פרי, אדער קען די טעסט נישט זיין ריכטיג פאר אייך. שמועסט איבער אייער מעדיצינישע און פאמיליע מעדיצינישע היסטאריע מיט אייער פראוויידער פאר איר וועלט אויס א טעסט. דערציילט זיי אויב איר האט סיי וועלכע פון די ריזיקע פאקטארן:

- א היסטאריע פון קאלאן קענסער אדער פריקענסערע פאליפס
- איינע פון די עלטערן, געשוויסטער אדער קינדער מיט קאלאן קענסער אדער פריקענסערע פאליפס
- פאמיליעל אדענאמעטאוס פאליפאסיס (FAP) אדער הערעדיטערי נאנפאליפאסיס קאלארעקטל קענסער (HNPCC), אויך אנגערופן לינטש סינדראם
- אלסערעטיוו קאלייטיס אדער קראונ׳ס דיזיז

**וואס?** HSgFOBT איז א סטול-באזירטע (פיקעל) טעסט. א לאבאראטאריע אנאליז זוכט צייכנס פון בלוט אין די סטול (קישקע אפפאל).

**ווען?** דער טעסט ווערט געטון איין מאל א יאר. אויב רעזולטאטן זענען אבנארמאל, וועט איר דארפן א ווייטערדיגע קאלאנאסקאפי באלד דערנאך.

**וואו?** איר טוט דעם טעסט אינדערהיים.

**פארוואס?** HSgFOBT אנטדעקט צייכנס פון קאלאן און רעקטל קענסער. עס קען אויך אנטדעקן טייל פאליפס, וואס זענען געוויקסן וואס קענען ווערן קענסער שפעטער.

**ווי אזוי?** איר קענט האבן א באגרעניצטע דיעטע אנגעהויבן א פאר טעג איידער דעם טעסט. איר וועט באקומען א פעקל פון אייער פראוויידער דורך פאסט מיט אנווייזונגען ווי אזוי צו נעמען א ביישפיל פון סטול פון דריי קישקע באוועגונגען אין א רייע וואס איר נעמט אריין אין א ליידיגע האלטער. נוצנדיג דעם אפליקעיטאר פונעם פעקל, שמירט איר ארויף אביסל סטול אויפן סלייד אדער טעסט קארטל פונעם פעקל. איר שיקט צוריק דורך פאסט דעם פעקל צום לאבאראטאריע פאר אנאליז אדער געבט צוריק דעם טעסט צו אייער פראוויידער׳ס אפיס. אייער פראוויידער וועט איבערשמועסן דעם באדייט פון די טעסט רעזולטאטן מיט אייך.

**האט דער טעסט ריזיקעס?** דער טעסט האט ווייניג ריזיקעס. איר קענט זיך זארגן וועגן דעם טעסט רעזולטאט. צומאל העלפט א HSgFOBT כאפן קענסער פרי. אנדערע ציטן וועט א HSgFOBT רעזולטאט זיין אבנארמאל, אבער א ווייטערדיגע קאלאנאסקאפי רעזולטאט וועט זיין נארמאל. שמועסט איבער די ריזיקעס און בענעפיטן מיט אייער פראוויידער.

## וועלכע סקרינינג טעסט איז ריכטיג פאר אייך?

| חילוקים אין קאלאן קענסער סקרינינג | טעסט סארט | | | |
|---|---|---|---|---|
| | קאלאנ-אסקאפי | FIT* | HSgFOBT* | FIT-DNA* |
| **טעסט רעזולטאטן** | | | | |
| קען אנטדעקן קאלאן קענסער | ✓ | ✓ | ✓ | ✓ |
| קען פארמיידן קאלאן קענסער | ✓ | * | * | * |
| פאדערט א ווייטערדיגע טעסט (קאלאנאסקאפי) אויב רעזולטאטן זענען אבנארמאל | – | ✓ | ✓ | ✓ |
| **טעסט פראצעדור** | | | | |
| איר טוט דאס אינדערהיים | – | ✓ | ✓ | ✓ |
| פארלאנגט פון אייך צו באהאנדלען סטול (צואה) | – | ✓ | ✓ | ✓ |
| איר טוט דעם טעסט איין מאל א יאר | – | ✓ | ✓ | – |
| איר טוט דעם טעסט איין מאל יעדע דריי יאר | – | – | – | ✓ |
| איר טוט דעם טעסט איין מאל יעדע צען יאר | ✓ | – | – | – |
| א העלט קעיר פראוויידער טוט דעם טעסט אין א מעדיקל אפיס אדער שפיטאל | ✓ | – | – | – |
| פארלאנגט א ספעציעלע דיעטע דעם טאג פריער | ✓ | – | – | – |
| קען פארלאנגען א דיעטע באגרעניצונג א פאר טעג פריער | – | – | ✓ | – |
| מען האט געווענליך אנעסטיזשע פאר דעם | ✓ | – | – | – |
| איז א פראצעדור אריינצוקוקן אינעווייניג אינעם קישקע | ✓ | – | – | – |
| נעמט אריין א ריזיקע פון זעלטענע קאמפליקאציעס אזוי ווי קאלאן צעלעכערונג אדער בלוטונג | ✓ | * | * | * |
| פארלאנגט א באגלייטונג אהיים | ✓ | – | – | – |

*אויב דער טעסט ציינט אבנארמאלע רעזולטאטן, דארף מען האבן ווייטערדיגע טעסטינג דורך קאלאנאסקאפי. אויב דאס ווייטערדיגע קאלאנאסקאפי אנטדעקט אבנארמאלע געוויקסן אדער פאליפס, קען מען העלפן פארמיידן קענסער אויב מען נעמט זיי ארויס.

**אפטייטשונגען**

FIT = אפפאל אימיונאקעמיקל טעסט

HSgFOBT = הויכע סענסיטיוויטעט גויעאיק פיקעל אקאלט בלוט טעסט

FIT-DNA = מולטי טארגעטעד סטול DNA טעסט

**וואו צו באקומען א קאלאן קענסער טעסט:** רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער צו סקעדזשול'ן א סקרינינג.

**באצאלונג:** רוב אינשורענס פלענס, אריינגערעכנט Medicaid און Medicare, דעקן קאלאן קענסער סקרינינגס. פונדעסטוועגן קען דעקונג זיין אנדערש פאר אנדערע מענטשן. רעדט זיך דורך מיט אייער העלט קעיר פראוויידער און אינשורער איבער דעקונג אייער סקרינינג טעסט. אויב איר האט נישט קיין אינשורענס, קענט איר זיין בארעכטיגט זיך איינצושרייבן פאר ביליגע אדער אומזיסטע דעקונג. איר קענט רופן **311** צו באקומען אומזיסטע הילף מיטן זיך איינשרייבן פאר א פלאן.

**ניו יארקער וואס האבן נישט קיין אינשורענס קענען זיין בארעכטיגט פאר ביליגע אדער אומזיסטע סקרינינג.**

**געוואר צו ווערן מער וועגן קאלאן קענסער און סקרינינג אפציעס, באזוכט nyc.gov/health און זוכט "colon cancer" (קאלאן קענסער).**